**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/07/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 500 מיליאן דאלאר פאר נייע סאָושעל קעיר נעטווארקס פראגראם צו צושטעלן סאָושעל סערוויסעס און פארבעסערן געזונטהייט תוצאות פאר מיליאנען ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט

***סאָושעל קעיר נעטווארקס וועלן העלפן אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן דורכן פארבינדן מעדיקעיד מיטגלידער מיט ביליגע נארהאפטיגע מאלצייטן, האוזינג שטיצע, טראנספארטאציע און אנדערע קריטישע סערוויסעס***

***פראגראם איז טייל פון 1115 'ניו יארקע געזונטהייט גערעכטיגקייט רעפארם וועיווער' וואס איז באשטעטיגט געווארן אין יאנואר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניין ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט וועלן באקומען א סך הכל פון 500 מיליאן דאלאר אין גרענטס אין לויף פון די קומענדיגע דריי יאר צו אוועקשטעלן א נייע סאָושעל קעיר נעטווארק (Social Care Network, SCN) פראגראם אין ניו יארק סטעיט. דער פראגראם וועט אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין קאמיוניטיס מיט נידעריגע איינקונפט דורכן אויסנוצן פעדעראלע פינאנצירונג צו גיבן פאר מעדיקעיד מיטגלידער צוטריט צו נארהאפטיגע מאלצייטן, האוזינג שטיצע, טראנספארטאציע און אנדערע סאָושעל סערוויסעס וואס קענען האבן א באדייטנדע השפעה אויף א מענטשן'ס געזונטהייט. דורכן צוזאמשטעלן סאָושעל קעיר און העלט קעיר, שטופט דער פראגראם פאראויס א וויכטיגע אינציאטיוו אונטער די 'ניו יארקע געזונטהייט גערעכטיגקייט רעפארם (New York Health Equity Reform, NYHER) וועיווער אמענדמענט'.

"די סאָושעל קעיר נעטווארקס וועלן אונז העלפן טראנספארמירן די וועג וויאזוי מיר שטיצן קאמיוניטיס מיט די גרעסטע אומערפילטע באדערפענישן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך דעם SCN פראגראם, מאכן מיר א דירעקטע אינוועסטירונג אין די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס, און ניו יארקער וועלן פארבינדן ווערן מיט א מער גערעכטע און צוזאמגעשטעלטע סאָושעל און העלט קעיר סיסטעם."

אלס טייל פון איר מעדיקעיד סעקשן 1115 'דעמאנסטראציע וועיווער' – אן ערלויבעניש און פינאנצירונג פון די פעדעראלע רעגירונג פאר די סטעיט צו אויספרובירן נייע געדאנקען – נעמט ניו יארק סטעיט א היסטארישע טריט אויף פאראויס צו אוועקשטעלן א נייע מאדעל פון קעיר וואס וועט צוזאמשטעלן העלט קעיר מיט סאָושעל קעיר דורך נעטווארקס וואס וועלן באקומען פינאנצירונג דערפאר. דער 500 מיליאן דאלארדיגער פראגראם איז נאר איין באשטאנדטייל פון א 7.5 ביליאן דאלארדיגע דריי-יאריגע וועיווער מיט נאענט צו 6 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג. די SCN's וועלן ערפילן א צענטראלע ראלע ביים פארזיכערן אז בארעכטיגטע מעדיקעיד מיטגלידער באקומען געזונטהייט-פארבינדענע סאָושעל סערוויס באדערפענישן, אריינרעכענענדיג נערונג, האוזינג שטיצע, טראנספארטאציע און קעיס

מענעדזשמענט — זאכן וואס זענען וועזנטליך צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן און צו פארבעסערן די אלגעמיינע געזונטהייט צווישן די באפעלקערונג.

ציפערן ווייזן אז דאס מאכן געזונטהייט-פארבינדענע סאָושעל סערוויס באדערפענישן ביליגער קען האבן א באדייטנדע פאזיטיווע השפעה אויף די געזונטהייט תוצאות פון ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט.

צום ביישפיל, א פראגראם וואס הייסט די "מעדיקעיד איבערמאכונג מאנשאפט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו" (Medicaid Redesign Team Supportive Housing) איז קאנצענטרירט אויף צו צושטעלן פערמאנענטע האוזינג און טענאנט שטיצע סערוויסעס פאר היימלאזע ניו יארקער מיט מעדיציניש פראבלעמען. אן אנאליז איבער דעם פראגראם האט געוויזן אז דאס אינוועסטירן אין האוזינג שטיצע האט געפירט צו בעסערע תוצאות פאר די געזונטהייט פון די מענטשן וואס זענען געשטיצט געווארן, ווי צום ביישפיל:

- 40 פראצענט וויניגער טעג איבערגענעכטיגט אין שפיטאל
- 26 פראצענט וויניגער באזוכן צו די עמערדזשענסי רום
- 44 פראצענט וויניגער פאציענטן ווערנדיג אריינגעלייגט אין א דראג באנוץ ריהעב אנשטאלט
- 27 פראצענט וויניגער פאציענטן ווערנדיג האספיטאליזירט אין א פסיכיאטרישע אנשטאלט
- 15 פראצענט וויניגער געלט אויסגעגעבן אין אלגעמיינע מעדיקעיד געזונטהייט אויסגאבן
- דורכן סטראטעגיש אויסוועהלן פריאריטעטן, האבן די הערכסטע צען פראצענט פון איינגעשריבענע איינגעשפארט פאר מעדיקעיד א דורכשניט פון $45,600 פער מענטש פער יאר

די פאלגנדע ארגאניזאציעס זענען אויסדערוועהלט געווארן און וועלן דעקן ניין ראיאנען אריבער די סטעיט:

| ארגאניזאציע | ראיאן |
|---|---|
| Care Compass Collaborative | Southern Tier |
| Finger Lakes IPA Inc. | Finger Lakes |
| Health and Welfare Council of Long Island | Long Island |
| Healthy Alliance Foundation Inc. | Capital Region, Central NY, North Country |
| Hudson Valley Care Coalition, Inc. | Hudson Valley |
| Public Health Solutions | Manhattan, Queens, Brooklyn |
| Staten Island Performing Provider System | Staten Island |
| Somos Healthcare Providers, Inc. | Bronx |
| Western New York Integrated Care Collaborative Inc. | Western NY |

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "דאס אויסוועהלן די ארגאניזאציעס מיט וועלכע צו שליסן די סאָושעל קעיר נעטווארק הויפט קערפערשאפט קאנטראקטן איז א קריטישע דערגרייכונג אין ריכטונג פון פאראויס שטופן געזונטהייט גערעכטיגקייט, עלימינירן געזונטהייט אומגלייכקייטן און אדרעסירן געזונטהייט-פארבינדענע סאָושעל סערוויס באדערפענישן. אונזער טראדיציאנאלע שיטה איז צו אינוועסטירן העלט קעיר דאלארן אין דירעקטע קעיר פאר פאציענטן, אבער עס איז אפט אזעלכע הינזיכטן וואס זענען אינדרויסן פון די קליניק וואס דארפן דאס מערסטע אדרעסירט ווערן. די היסטארישע אינוועסטירונג ערלויבט די אויסדערוועהלטע ארגאניזאציעס צו פארבינדן פאציענטן מיט די סערוויסעס פאר לעבנס געביטן וואס האבן אפטמאל די גרעסטע השפעה אויף אונזער געזונטהייט, ווי צום ביישפיל טרעפן א סטאבילע הויז, פארלעסליכע טראנספארטאציע, העלט אינשורענס און אנדערע געביטן וואס פארבעסערן א מענטשן'ס פערזענליכע געזונטהייט."

**סטעיט מעדיקעיד דירעקטאר, אמיר באסירי, האט געזאגט,** "די סאָושעל קעיר נעטווארק קאנטראקטן וועלן טראנספארמירן די וועג וויאזוי העלט קעיר און סאָושעל קעיר ווערן צוגעשטעלט. די נעטווארקס שפילן א צענטראלע ראלע ביים עררייכן די געזונטהייט גערעכטיגקייט ציהלן פון די NYHER וועיווער, און זיי וועלן ערגענצן אונזער לאנג-טערמיניע סטראטעגיע צו ארייננבויען סאָושעל קעיר בענעפיטן אריין אין דעם מעדיקעיד מענעדזשד קעיר (Medicaid Managed Care) פראגראם."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו העלפן אהערשטעלן די 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג – טייל פון א ריזן סכום פון 6 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע וועיווער פינאנצירונג – כדי ניו יארק סטעיט זאל קענען אויפשטעלן די באגייסטערנדע און ערפינדערישע סאָושעל קעיר נעטווארק צו בעסער צוזאמשטעלן סאָושעל קעיר מיט העלט קעיר צו פארבעסערן די געזונטהייט תוצאות פאר מענטשן אין אונזערע שוואכסטע קאמיוניטיס. עס איז א שעפערישע צוגאנג צו העלט קעיר וואס קען ראטעווען לעבנס און מיט די צייט אויך שפארן געלט דורכן האנדלען מיט העלט קעיר פראבלעמען אין נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס אויף אן אופן וואס איז מער אקטיוו צו פארמיידן פראבלעמען פון פאראויס און אויף א מער ארומנעמיגע אופן. פון די בראנקס ביז וואטערטאון און ביז באפעלאו, וועלן לאקאלע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס אין די סאָושעל קעיר נעטווארק אדרעסירן האוזינג, עסנווארג, טראנספארטאציע באדערפענישן און אזוי אויך העלט קעיר, כדי זייערע ניו יארקע נויטבאדערפטיגע שכנים זאלן באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן צו זיין געזונט און צו בליהען. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס ארבעט צו זיכער מאכן אז די פעדעראלע הילפס-מיטלען ווערן גוט אינוועסטירט צו העלפן מענטשן אריבער ניו יארק צוקומען צו קריטישע סאָושעל סערוויסעס."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "היינט טוט ניו יארק צוטיילן הונדערטע מיליאנען דאלארן צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין קאמיוניטיס מיט נידעריגע איינקונפט און צו פארבעסערן געזונטהייט תוצאות פאר צאללאזע ניו יארקער. דער SCN פראגראם וועט זיין א רעטונג שטריק פאר פילע מענטשן און עס וועט אויסברייטערן צוטריט צו נאררהאפטיגע מאלצייטן, האוזינג שטיצע, טראנספארטאציע און אנדערע סאָושעל סערוויסעס. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטופן פאר געזונטהייט גערעכטיגקייט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן אויף די פעדעראלע שטאפל צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין ניו יארק און אריבער דאס לאנד."

**קאנגרעסמאן דזשערי נעדלער האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די היינטיגע אנאנס פון 500 מיליאן דאלאר צו העלפן פארבעסערן די געזונטהייט פון מיליאנען ניו יארקער. די ניין ארגאניזאציעס וואס זענען היינט אויסגערופן געווארן אלס אויסדערוועהלטע וועלן דינען אלס די הויפט קערפערשאפטן פאר ניו יארק'ס טראנספארמאטיווער סאָושעל קעיר נעטווארק (Social Care Network, SCN) פראגראם. דער נייער SCN פראגראם וועט פארבינדן די ניו יארקער וואס באקומען די וויניגסטע סערוויסעס מיט קריטישע סאָושעל סערוויסעס, אריינרעכענענדיג האוזינג, נערונג פראגראמען און מער."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר צו פייערן די באדייטנדע אינוועסטירונג וואס באטאנט אונזער איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן די פראבלעמען וואס ליגן ביים שורש פון די געזונטהייט אומגלייכקייטן וואס פלאגן אונזערע קאמיוניטיס יעדן טאג. דורכן צוזאמשטעלן אונזער העלט קעיר סיסטעם מיט וועזנטליכע סאָושעל סערוויסעס, טוט די אינוועסטירונג פאראויס שטופן א קאנצענטרירטע, ארומנעמיגע צוגאנג צו פלעגן געזונטערע, מער גערעכטע קאמיוניטיס און פארבעסערן די וואוילזיין פון ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט דא אין אונזער הויפטשטאט ראיאן און אריבער די סטעיט."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָו עספּאַיאַט האט געזאגט,** "א דאנק, גאווערנער האקול, פאר די לעצטע אונטערנעמונג צו אויסברייטערן פינאנצירונג פאר סערוויסעס צו ווייטער פאראויס שטופן די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט. די פינאנצירונג טרייבן פאראויס די ארבעט פון ניין ארגאניזאציעס אריבער אונזער סטעיט צו אנקומען צו מענטשן און פארמערן זייער שטיצע פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס דורכן העלפן מעדיקעיד מיטגלידער צוקומען צו מאלצייטן, האוזינג שטיצע, טראנספארטאציע און אנדערע סאָושעל סערוויסעס. די היינטיגע מעלדונג איז א פרישע פארפליכטונג צו אונזער ארבעט צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין אונזערע קאמיוניטיס, און עס בויט ארויף אויף אונזערע צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען צו שטיצן עמפינדליכע פאמיליעס אין אונזערע קאמיוניטיס ווען זיי נויטיגן זיך דאס מערסטע אין אונזער הילף."

**קאנגרעסמאן ריטשי טאָרעס האט געזאגט,** "סאָושעל סערוויסעס און צוטריט צו העלט קעיר הילפס-מיטלען זענען קריטיש צו קענען אנגיין מיט די טעגליכע לעבן פאר בראנקס איינוואוינער. די באדייטנדע אינוועסטירונג פון די 1115 וועיווער אין סאָושעל קעיר נעטווארקס וועט העלפן פארבעסערן סערוויסעס און שטיצן סיסטעמען פאר צאללאזע איינוואוינער מיט נידעריגע איינקונפט אריבער די בראנקס. איך וויל באזונדערס אויסדרוקן מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר Somos Healthcare Providers פארן אויסדערוועהלט ווערן צו באקומען א קאנטראקט מיט פינאנצירונג וואס וועט העלפן ארויסהעלפן נויטבאדערפטיגע בראנקס איינוואוינער. די SCN's זענען וועזנטליך צו פארמערן געזונטהייט גערעכטיגקייט פאר מעדיקעיד מיטגלידער, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו ווייטער אויסברייטערן און פארבעסערן די פראגראמען און סערוויסעס."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע האדסאן וואלי פאמיליע צו באקומען ארומנעמיגע העלטקעיר און צוטריט צו סאָושעל סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט. איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע געלטער וועלן אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס שטערן פון באקומען קעיר, העלפנדיג די Hudson Valley Care Coalition צושטעלן אלעס, פון האוזינג ביז נערונג און טראנספארטאציע. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן קעמפן פאר די וויכטיגע אנגעלעגנהייט — איך וועל פארזעצן צו קעמפן יעדן טאג צו אראפנידערן קאסטן און צושטעלן פארלייכטערונג פאר האדסאן וואלי פאמיליעס."

**קאנגרעסמאן דען גאלדמאן האט געזאגט,** "דורכן צוזאמשטעלן סאָושעל סערוויסעס ווי האוזינג, נערונג און טראנספארטאציע מיט העלט קעיר, וועט די היסטארישע אינוועסטירונג דירעקט באקעמפן אומגלייכקייטן אין אונזער סטעיט און זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען בליהען, אפגעזעהן פון זייער איינקונפט אדער הונטערגרונט. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן שעפעריש אויסנוצן פעדעראלע הילף און פארן שטיין אין שפיץ פון די נייע קעיר מאדעל צו שטיצן קאמיוניטיס מיט נידעריגע איינקונפט וואס ליידן פון צענדליגע יארן פון נישט גענוג אינוועסטירונג אויף א מער ארומנעמיגע פארנעם. איך קען נישט ווארטן צו פארזעצן צו ארבעטן מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע באאמטע צו זיכער מאכן אז די אינוועסטירונגען קומען אן צו די מענטשן וואס נויטיגן זיך אין זיי דאס מערסטע."

**קאנגרעסמאן טים קענעדי האט געזאגט,** "די טראנספארמאטיווע פינאנצירונג וועט אונטערטרייבן ניו יארק'ס סאָושעל קעיר נעטווארק, פארבינדנדיג בארעכטיגטע מענטשן מיט די העלטקעיר און סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בליהען. העלטקעיר איז נאר איין וויכטיגע עלעמענט פון די אלגעמיינע געזונטהייט, און דאס איז די סיבה פארוואס די אינציאטיוו גיבט פאר מעדיקעיד מיטגלידער מער ארומנעמיגע שטיצע צו פארזיכערן נארהאפטיגע מאלציטן, האוזינג און טראנספארטאציע. אין מיין דיסטריקט, קוק איך ארויס צו זעהן די Western New York Integrated Care Collaboration Inc. צושטעלנדיג מער גערעכטע און איינפלוסרייכע קעיר פאר די וואס נויטיגן זיך דערין דאס מערסטע."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "דורכן אוועקשטעלן סאָושעל קעיר נעטווארקס וואס שטעלן צו סערוויסעס אויפן שטח דורך פארטרויליכע שותפים אין די קאמיוניטי, טוהען מיר אינוועסטירן אין די לאנג-טערמיניגע העלט קעיר פון אונזערע קאמיוניטיס. די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער איז א פריאריטעט פאר אונזער אדמיניסטראציע, און דעפאר האבן מיר אוועקגעשטעלט 'HealthyNYC', צו פארלענגערן די דורכשניט לעבנס יארן פון אלע ניו יארקער, און דערפאר האבן מיר געארבעט פון די נאענט מיט אונזערע סטעיט שותפים צו דירעקט אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט שאדנס פאראורזאכט דורך סאָושעל מידיע פירמעס, באזונדערס פאר אונזער יונגווארג. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר אירע באמיאונגען דא, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די סאָושעל קעיר נעטווארקס אין ניו יארק סיטי."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אינוועסטירן 500 מיליאן דאלאר צו העלפן אראפברענגען מויערן און זיכער מאכן אז אונזערע שוואכסטע שכנים זענען פארבינדן סיי מיט די סאָושעל קעיר און סיי מיט די העלט קעיר סערוויסעס וואס זיי דארפן. די סיטי אָוו אלבאני – זיך באנוצנדיג מיט אונזערע אפיויד סעטלמענט געלטער – און אלבאני קאונטי זענען לעצטנס אריין אין א שותפות צו אוועקשטעלן די Albany Navigates גאסן באהאנדלונג אינציאטיוו צו ברענגען געזונטהייט און סאָושעל הילפס-מיטלען דירעקט צו מענטשן וואס זענען אין קריזיס, און די נייע סאָושעל קעיר נעטווארק איז נאך א וועג אין וועלכע די רעגירונג ארבעט צו באקעמפן די געזונטהייט און געזעלשאפטליכע שוועריגקייטן וואס מיר זעהען אריבער אונזער שטאט, ראיאן און סטעיט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט און מיט אונזערע לאקאלע שותפים צו אויסברייטערן די איינפלוס פון די גאר-נויטיגע פראגראמען."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק ד. עוואנס האט געזאגט,** "אונזערע שוואכסטע איינוואוינער קעמפן יעדן טאג זיך צו ארויסברעכן פון די קייטן פון א פארצווייגטע און פארקניפטע נעץ פון אומגלייכקייט וואס מאכט די קשר צווישן ארימקייט און ערגערע געזונטהייט תוצאות ווייטער אנגיין. איך אפלאדיר די ערפינדערישקייט און חזון פון גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט וואס האבן געפירט צו די אוועקשטעלונג פון דעם סאָושעל קעיר נעטווארק פראגראם. דורכן קאנפראנטירן די קאמפליצירטקייטן פון געזונטהייט אומגלייכקייטן מיט אן ארומנעמיגע צוגאנג צו געזעלשאפטליכע אומגערעכטיגקייט, וועט דער פראגראם פאראויס רוקן אונזערע ציהלן צו שאפן א זיכערע, גערעכטע און בליהענדע ראטשעסטער דורכן אינספירירן האפענונג און אהערשטעלן געלעגנהייט פאר יעדן."

**יוטיקע מעיאר מייקעל פּ. גאלים האט געזאגט,** "פארבינדן מענטשן וואס נויטיגן זיך אין- אדער פארלאזן זיך אויף- סערוויסעס וואס זענען וועזנטליך פאר אן ערפאלגרייכע טאג-טעגליכע לעבן איז א וויכטיגע געביט פון דאס וואס מיר האפן צו זעהן די פינאנצירונג אדרעסירן אין אונזער קאמיוניטי."

**Care Compass עקזעקיוטיוו דירעקטאר, מארק ראָופּיעצקי, האט געזאגט,** "Care Compass איז גאר באערהט צו דינען אלס די סאָושעל קעיר נעטווארק (Social Care Network, SCN) הויפט קערפערשאפט פאר דעם סאוטערן טיער ראיאן. אלס א געוועזענע PPS דורכאויס די DSRIP ווייווער באדינענדיג דעם סאוטערן טיער ראיאן, האט Care Compass א לאנגיאריגע קאנצענטראציע אויף צו

פארבעסערן צוטריט צו קעיר, פארבעסערן די קוואליטעט און פארמינערן די העלטקעיר קאסטן פאר מעדיקעיד מיטגלידער אין די קאמיוניטי. Care Compass קוקט יעצט ארויס צו ארבעטן מיט די סטעיט און אנדערע SCN'ס צו פאראויס שטופן געזונטהייט גערעכטיגקייט און רעדוצירן געזונטהייט אומגלייכקייטן דורכן פארבינדן די קאמיוניטי מיט די נייע סערוויסעס. דער סאוטערן טיער ראיאן איז א פירער אין העלטקעיר ערפינדערישקייט און ביים טראנספארמירן די סיסטעם וויאזוי העלטקעיר ווערט צוגעשטעלט, און דער ראיאן איז גוט אוועקגעשטעלט צו פארזעצן די וויכטיגע ארבעט ביים באדינען די באפעלקערונג וואס באקומט מעדיקעיד."

**Forward Leading IPA, Inc. (FLIPA) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, פעטי מעקמעהאן, האט געזאגט,** "FLIPA איז באעהרט צו באקומען די מעגליכקייט צו פארגרעסערן די וועזנטליכע ראלע וואס קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס שפילן אין געזונטע קאמיוניטיס און צו אריינשטעלן זייער ארבעט אינערהאלב די עקזיסטירנדע פאמיליע דאקטאר און אויפפירונג געזונטהייט העלט קעיר סיסטעם. עס איז שוין אויפגעוויזן געווארן אז פיזישע העלטקעיר איז פאראנטווארטליך פאר נאר בערך 20% פון די אלגעמיינע געזונטהייט און וואוילזיין. דאס איז א געלעגנהייט צו אנערקענען די פאקט און טוישן די לעבנס פון בארעכטיגטע מעדיקעיד מיטגלידער דורכן סיסטעמאטיש אדרעסירן זייערע געזונטהייט-פארבינדענע סאָושעל קעיר באדערפענישן."

**Health and Welfare Council of Long Island (HWCLI) עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, לאָרי ענדרעיד, האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע פאר HWCLI צו אויסדערוועהלט ווערן אלס הויפט קערפערשאפט פאר די 'געזונטהייט גערעכטיגקייט אליאנס פון לאנג איילענד' ( Health Equity Alliance of Long Island, HEALI), די סאָושעל קעיר נעטווארק פון לאנג איילענד. די HEALI נעטווארק פון קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, געזונטהייט סיסטעמען, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט סענטערס און קאמיוניטי שותפים ארבעט שוין צוזאמען זינט 2017 צו צוזאמשטעלן סאָושעל קעיר, העלטקעיר און אויפפירונג געזונטהייט העלטקעיר. מיר זענען פארפליכטעט צו זיין פיאנירן אין די זעלטענע און אייגנארטיגע געלעגנהייט צו טראנספארמירן די וועג אין וועלכע מיר טראכטן איבער געזונטהייט, וואוילזיין און קעיר. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און קאמישאנער באסירי פאר די געלעגנהייט וואס קומט אמאל אין דאס לעבן צו גענצליך טראנספארמירן די וועג וויאזוי מיר אדרעסירן די באדערפענישן פון מענטשן און פאמיליעס אריבער די אינזל. מיט מעדיקעיד קליענטן אין צענטער פון די קעיר מאדעל, וועלן מער לאנג איילענד איינוואוינער האבן צוטריט צו קעיר, פארבעסערטע תוצאות און בעסערע וואוילזיין."

**CEO פון .Healthy Alliance Foundation, Inc, עריקא קאָלעטי, האט געזאגט,** "צוזאמען מיט אונזערע שותפים, האבן מיר אויפגעבויט א פארשידנארטיגע נעטווארק וואס ארבעט אקטיוו צו פארמיידן פראבלעמען נאך פאר זיי קומען ארויף, צענטרירט *ארום* דעם קאמיוניטי מיטגליד, האבנדיג שוין געהאלפן מער פון 275,000 ביז היינט. די סטעיט-ברייטע פארפליכטונג צו גיבן א נייע באדייט פאר וויאזוי קעיר ווערט צוגעשטעלט איז נאך אן אנערקענונג פון די ארבעט וואס מיר טוהען שוין אין פארלויף פון די לעצטע צען יאר, און עס איז אונז אן עהרע – און מיר זענען גרייט – צו זיין טייל פון די היסטארישע קומענדיגע טריט צו זיכער מאכן אז מער ניו יארקער האבן די זעלבע געלעגנהייט צו זיין געזונט."

**CEO פון Hudson Valley Care Coalition, עימי פאַריק, האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע פאר די Hudson Valley Care Coalition צו האבן אויסדערוועהלט געווארן אלס די סאָושעל קעיר נעטווארק פאר די האדסאן וואלי. אונזער נעטווארק פון איבער 150 ארגאניזאציעס, אריינרעכנענדיג קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, שפיטעלער, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט סענטערס, קאונטי רעגירונגען און אויפפירונג געזונטהייט אגענטורן האט א נאבעלע צוועק צו 'שאפן קאמיוניטיס פון געזונטהייט און וואוילזיין פאר יעדן.' מיר שטייען גרייט צו מאכן די נייע האדסאן וואלי סאָושעל קעיר נעטווארק פאר א רעאליטעט און אלס א יסוד פון אן ארומנעמיגע סיסטעם פון העלטקעיר וואס באגייט זיך מיט א צוגאנג וואס קוקט אויף דעם גאנצן מענטש. אונזער נעטווארק איז איבערגעגעבן צו פארבעסערן צוטריט,

געזונטהייט גערעכטיגקייט און געזונטהייט תוצאות וואס מאכן אן אמת'ע חילוק פאר די 720,000 מעדיקעיד מיטגלידער אין די דאָטשעס, ארצנדזש, פּאָטנעם, ראקלענד, סאָליוועו, אָלסטער און וועסטשעסטער קאונטיס."

**Public Health Solutions עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און טשיעף סטרעטעדזשי אפיסער, זעקעריע הענעסי, האט געזאגט,** "יעדעס יאר טוהען הונדערטע טויזנטע ניו יארקער אויסמיידן העלטקעיר צוליב זארגן איבער געלט, האוזינג, עסנווארג, טראנספארטאציע און אנדערע אומערפילטע באדערפענישן. זיי ווענדן זיך צו העלטקעיר נאר ווען זיי זענען שוין אין א קריזיס און זייערע לעבנס ווערן פארקערצערט. דורך ניו יארק סטעיט'ס געזונטהייט גערעכטיגקייט רעפארם אינציאטיוו, האבן מיר א געלעגנהייט וואס קומט אן אמאל אין א דור צו טוישן די מציאות און זיכער מאכן אז מענטשן וואס באקומען מעדיקעיד באקומען די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן אויף א צייטליכן פארנעם צו אנקומען צו די בעסטע געזונטהייט צושטאנד פאר זיך און זייערע פאמיליעס. די גרויסארטיגע אינוועסטירונג וועט אויסברייטערן WholeYouNYC, אונזער קאארדינירטע, טעכנאלאגיע-ערמעגליכטע נעטווארק פון קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו קריטישע הילפס-מיטלען אין קווינס, ברוקלין און מאנהעטן צו זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן צוגעהאלפענע און גרינגערע צוטריט צו די סערוויסעס וואס זיי דארפן."

**Staten Island Performing Provider System (SI PPS) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דר. דזשאָוסעף קאנטי, האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע פאר די Staten Island PPS צו אנערקענט ווערן דורך גאווערנער האקול צו באדינען די מענטשן פון סטעטן איילענד אלס די הויפט קערפערשאפט פון די סאָושעל קעיר נעטווארק. קאנפראנטירן געזונטהייט אומגלייכקייטן מיינט אז מיר אדרעסירן די פאקט אז א מענטשן'ס זיפּ קאוד קען בעסער פאראויס זאגן ווי לאנג זיי גייען לעבן ווי זייערע מעדיצינישע פראבלעמען — דאס פארלאנגט א טויש פון די גאנצע שיטה. די טויש שטעלט אוועק SCN'ס און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין אן אייגנארטיגע מאדעל פון קעיר וואס באנוצט זיך מיט נייע געדאנקען און מיט די צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען פון געזונטהייט סיסטעמען, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט סענטערס, קעיר פראָוויידערס, מענעדזשד קעיר און טעכנאלאגיע שותפים. SI PPS איז פארפליכטעט צו ארבעטן מיט די DOH און די אנדערע 8 SCN'ס צו פארבעסערן געזונטהייט תוצאות פאר אלע ניו יארקער, באזונדערס פאר די וואס ליידן פון געזונטהייט אומגלייכקייטן."

**SOMOS Healthcare Providers טשיעף אפערעיטינג אפיסער, לידיע ווירדזשיל, האט געזאגט,** "SOMOS איז געווען א פיאניר אין סאָושעל קעיר אין פארקוקטע קאמיוניטיס שוין פאר פילע יארן. אלס די גרעסטע נעטווארק פון דאקטוירים אנגעפירט דורך מינאריטעטן אין ניו יארק, ארבעטן מיר ביי די נקודה וואו העלט קעיר און סאָושעל קעיר טרעפן זיך — דאס איז ווער מיר זענען. SOMOS איז שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט ניו יארק סטעיט צו טוישן די לעבנס פון אונזערע מענטשן אין די בראנקס. יעדער מענטש וואס האט עסנווארג צו עסן, א וועג צו אנקומען צו זייער דאקטאר, א פלאץ צו וואוינען, טרעפט רעספעקט און גערעכטיגקייט אין אונזער געזעלשאפט. מיר זענען געזונטער ווען אלע פון אונז האבן צוטריט צו די פונדאמענטאלע געביטן פון דעם 'אמעריקאנער טרוים'. די SOMOS סאָושעל קעיר נעטווארק וועט זיין טראנספארמאטיוו און היסטאריש."

**Western New York Integrated Care Collaborative, Inc. עקזעקיוטיוו דירעקטארין, ניקי קמיסינקי, האט געזאגט,** "מיר זענען באעהרט און באגייסטערט צו האבן אויסדערוועהלט געווארן אלס די SCN פירער פאר ניו יארק סטעיט'ס מערב ראיאן. דאס איז עכט אנדערש. דאס איז נישט די געוועהנטליכע שטייגער. עס איז א מהפכה פאר אונזערע ארגאניזאציע מיטגלידער – וועלכע זענען געוואקסן מיט 65% אין די פארגאנגענע 18 חודשים –ארגאניזאציעס ערלויבנדיג זיי צו קאנצענטרירן נאך אפילו מער פון זייערע מיטלען און באמיאונגען צו צושטעלן סערוויסעס אריבער אונזער קאמיוניטי. עס אנערקענט אויך די שטארקע ארבעט וואס מיר האבן געטוהן ביז היינט צו פארבעסערן די גלאטקייט פאר

מיטגלידער, אוועקנעמנדיג טאפלטע באצאלונגען און ארויגעבנדיג ציפערן וואס ווייזן אז מיר האבן אן עכטע, ממשיות'דיגע השפעה אויף מענטשן'ס לעבנס. אונזער ראיאן איז באקאנט פארן זיין גוטע שכנים. מיר ציהלן צו פארווירקליכן די אייגנשאפט דורכן זיין א יושר'דיגע, פאראנטווארטליכע און צוזאמענארבעטנדע קאסירער פאר די געלטער."

SCN הויפט קערפערשאפטן וועלן פארבינדן מעדיקעיד מיטגלידער מיט קריטישע שטיצע מיטלען דורכן אריינגיין אין קאנטראקטן מיט סאָושעל סערוויס פראָוויידערס צו העלפן מיטגלידער זיך אן עצה גיבן מיט- און צוקומען צו- סערוויסעס. יעדע SCN הויפט קערפערשאפט וועט זיין אן אנערקענטע מעדיקעיד פראָוויידער, און זיי וועלן קאארדינירן דאס צושטעלן סערוויסעס – אריינרעכענענדיג האוזינג, טראנספארטאציע, נערונג און קעיר מענעדזשמענט – יעדע איינע אין זייער ראיאן. מעדיקעיד מיטגלידער וואס דארפן הילף מיט זייערע אומערפילטע געזונטהייט-פארבינדענע סאָושעל סערוויס באדערפענישן וועלן פארבינדן ווערן מיט עקזיסטירנדע הילפס-מיטלען, ווי האוזינג, נערונג, טראנספארטאציע און קעיר מענעדזשמענט.

SCN'ס וועלן זיין א וועזנטליכע מיטל צו פארמערן געזונטהייט גערעכטיגקייט פאר מעדיקעיד מיטגלידער און צו פארמערן די צוזאמענארבעט צווישן סאָושעל סערוויס פּראָוויידערס און אנדערע שותפים אין די העלט קעיר סיסטעם, זיי וועלן נאכפאלגן די באדערפענישן פון מיטגלידער און זיכער מאכן אז מיטגלידער ווערן פארבינדן מיט קריטישע סערוויסעס אויף א צייטליכן פארנעם.

מער אינפארמאציע איבער די SCN'ס קען געפונען ווערן [דא](#).

מער אינפארמאציע איבער די 'ניו יארקע געזונטהייט גערעכטיגקייט רעפארם ( New York Health Equity Reform, NYHER) ועיווער אמענדמענט' קען געפונען ווערן אויף די " MRT 1115 Waiver Amendments" בלאט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)